תפלה אין דעם פרט, אז ברכה ווייזט אז דער מברך שטייט העכער פאר דעם מתברך, דערפאר האט ער בידו דעם כח צו מברך זיין דעם מתברך, וואס דערפאר איז ברכה מלשון ציווי - אז ער שטייט העכער פאר דער זאך, במילא קען ער מצווה זיין און מברך זייו די זאך.

ובכל שנה ושנה איז "מעלין בקודש" אין דעם חודש כסלו, במילא אויך אין שבת מברכים חודש כסלו וועלכער שטייט העכער און בענטשט דעם חודש.

יא. נוסף צו דער נתינת כח מלמעלה אויף די אלע ענינים - וואס כל המדובר לעיל איז די נתינת כח מלמעלה וואס מ׳האט (מצד ימי חנוכה בחודש כסלו, און שבת מברכים החודש כסלו כו׳) - דארף אויך זיין עבודת האדם. און דאס איז מודגש אין דעם ענין פון שבת (וואס מ׳בענטשט חודש כסלו בשבת מברכים):

בקשר מיט שבת זאגן חז״ל[53] אז א איד ווערט א "שותף להקב״ה במעשה בראשית". וואס דאס איז כללות ענין עבודת האדם, אז נוסף צו די כחות וואס ער באקומט פון דעם אויבערשטן מלמעלה, דארף ער ווערן א "שותף להקב״ה במעשה בראשית", וואס איין שותף איז גלייך מיטן צווייטן שותף (כביכול), ד.ה. אז א איד דארף אויפטאן ע״י עבודתו במעשה בראשית אין א גלייכן אופן ווי דער אויבערשטער (כביכול) האט אויפגעטאן במעשה בראשית, אזוי אז ער זאל זיין א גלייכער שותף מיטן אויבערשטן.

אויף יעדערן פון די ששת ימי בראשית ביז יום השבת שטייט אין פסוק - "ויאמר אלקים גו׳", "וירא אלקים גו׳", אלץ ווי דאס איז מצד דעם אויבערשטן; ביום השבת זאגט מען אז עס קומט צו אויך עבודת האדם, ביז אז נעשה "שותף להקב״ה במעשה בראשית".

וכמודגש אויך אין דעם וואס עס שטייט אין פסוק בנוגע ליום השבת - "ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלקים לעשות". זאגן אויף דעם חז״ל[54] אז "כל מה שנברא בששת ימי בראשית צריכין עשי׳ (תיקון), החרדל צריך למתוק התורמוסים (אזא מין קטניות) למתוק, החטין צריכין להטחן כו׳", און דאס איז "אשר ברא אלקים לעשות" - לעשות ולתקן, כידוע אז עשי׳ איז מלשון תיקון, מיט די ראי׳ לזה פון "ועשתה את צפרני׳"[55], "ועשתה" מלשון תיקון[56],

[ווייל לויטן פירוש אז "ועשתה את צפרני׳" מיינט אז זי זאל

53) שבת קיט, ריש ע״ב. טור ושו״ע אדה״ז או״ח ר״ס רסח. ועוד. 54) ב״ר פי״א, ו וברש״י שם. 55) תצא כא, יב. 56) סידור קמה, א. דרמ״צ ס, א. המשך תער״ב ח״ג ע׳ א׳שפט. וראה בהנסמן לקמן הערה 155.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

אַפשערן די צפרנים[57] קען מען ניט טייטשן "ועשתה" כפשוטו, ווייל ניט מ׳מאכט א זאך, נאר מ׳שערט אָפּ די נעגל. נאר דער פירוש דא אין "ועשתה" איז מלשון תיקון, אז מ׳איז מתקן די צפרנים דורך זיי אַפשערן.

ד.ה. אויך מלפנ״ז האט זי צפרנים וואס וואקסן פון די פינגער, אבער דעמולט קענען זיי זיין שלא כדבעי, צו לאנג כו׳. דערפאר דארף זיין "ועשתה את צפרני׳", אז זי איז מתקן די צפרנים דורך זיי אָפשערן (און די אָפגעשאָרענע נעגל - פארברענען וכיו״ב), און דעמולט (איז זי ניט מבטל די צפרנים, נאר עס) בלייבן איבער די צפרנים, אבער זיי זיינען מתוקן און קענען אויסגענוצט ווערן לטוב כו׳.

דרך אגב: דער ענין בעבודת האדם איז מובן פון דער שיחה הידועה פון כ״ק מו״ח אדמו״ר אז בשעת מ׳האט נעגל, דארף מען זיי נוצן כלפי זיך און ניט כלפי הזולת[58].

דאס הייסט אז עס דארף זיין "ועשתה את צפרני׳", תיקון צפרנים, בעבודת כאו״א: היות אז די צפרנים זיינען א חלק פון דעם גוף, איז ניט די כוונה אז מ׳זאל זיי אוועקוואַרפן, נאר אז מ׳זאל זיי אויסנוצן לטוב וקדושה: די תכונה פון צפרנים איז, אז זיי קראַצן - דארף מען לכל לראש מתקן זיין די צפרנים (זיי "אָפשערן" וכו׳) אז זיי זאלן זיין כדבעי, און דאס וואס זיי קראַצן - דארף מען מתקן זיין אז זיי זאלן ניט קראַצן א צווייטן, נאר, אויב מ׳דארף, קען מען זיי נוצן צו קראַצן זיך אליין, ד.ה. אָפקראַצן זאכן וועלכע מ׳האט אין זיך וואס מ׳דארף אָפקראַצן. וכמבואר אין די שיחה כמה פרטים בזה.

דערפון איז מובן דער שייכות ולימוד פון "ועשתה את צפרני׳" צו א איד בזמן הזה, דלכאורה איז דאס א זאך וואס איז געווען בזמן ווען אידן זיינען געגאנגען למלחמה (מלחמת רשות) בזמן דוד וכיו״ב, און "וראיתה בשבי׳ אשת יפת תואר"[59], אבער וואס איז דאס נוגע צו א אידן איצטער? ע״פ הנ״ל ווי דער ענין פון "ועשתה את צפרני׳" איז דא בעבודת האדם, (כמובן בשיחה הנ״ל) - איז מובן דער לימוד דערפון אויך איצטער].

דאס הייסט[60]: אע״פ וואס אויף די ששת ימי בראשית שטייט אז "וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד", ניט נאר טוב, נאר "טוב מאד" - אעפ״כ ווען עס קומט יום השבת זאגט מען "אשר ברא אלקים לעשות - לתקן", אז א מענטש דארף קומען און מתקן זיין די

---

57) יבמות מח, סע״א. 58) ראה בהנסמן לקמן הערה 152. 59) תצא שם, יא. 60) רש״י לב״ר שם.

הנחות הת׳ בלתי מוגה

וועלט שנברא בששת ימי בראשית.

מוז מען דאס אבער פארשטיין: לאחרי זה וואס מעשה בראשית איז געווען אין אן אופן פון "טוב מאד", מיט אלע פירושים שבזה ווי דער זעלבער מדרש רבה (וואס זאגט "כל מה שנברא בששת ימי בראשית צריכין עשי', תיקון) זאגט פריער[61], כולל אויך דעם פירוש[62] אז דאס גייט אויפן יצה"ר, ד.ה. די עבודה פון "בכל לבבך[63] - בשני יצריך"[64], דער ענין פון אתהפכא, וואס עי"ז ווערט "טוב מאד" - איז לאחרי כל זה ווי איז שייך זאגן אז די וועלט דארף נאך האבן תיקון, לעשות - לתקן?!

וואס דער פירוש אין "תיקון" איז א סך מער ווי סתם "משלים זיין: בשעת מ'זאגט אז א זאך דארף השלמה, מיינט עס אז אויך לפנ"ז איז עס א דבר שלם, נאר אין דעם פעלט עפעס און מ'גיט צו אין דעם נאכמער שלימות. בשעת מ'זאגט אבער לתקן - מיינט עס אז ביז דעמולט פעלט אין דער גאנצער זאך, ועד כדי כך - אז מ'דארף עס מתקן זיין.

מתקן זיין מיינט טאקע ניט אז מ'איז מבטל דער זאך, דער זאך בלייבט במציאות, נאר היות אז דער זאך יש בו חסרון שצריך תיקון - איז מען מתקן דער זאך גופא, אז ער זאל זיין א דבר שלם.

ע"ד המדובר לעיל בנוגע "ועשתה את צפרני'": מ'איז ניט מבטל די צפרנים, נאר היות אז די צפרנים האבן אין זיך א חסרון (צו לאנג, זיי קראצן וכו'), איז מען זיי גופא מתקן ("ועשתה את צפרני'"), במילא ווערן די צפרנים גופא דורך דעם כדבעי.

איז ניט מובן: לאחרי וואס בששת ימי בראשית איז געווען "טוב מאד" - ווי איז שייך זאגן אז אין דעם איז דא א חסרון, ועד כדי כך אז עס דארף זיין "לעשות - לתקן"?!

יב. וועט מען עס פארשטיין ע"פ דעם ביאור וואס מ'האט גערעדט אין דער התוועדות שלפנ"ז[65] וועגן אמירת תחנון דוקא נאך תפלת העמידה:

אנדערע ווילן לערנען אז דאס וואס מ'זאגט ערשט דעמולט תחנון איז דערפאר וואס ביז דעמולט האט מען ניט געוואוסט וועגן א חסרון וואס מ'האט געהאט, און בשעת מ'ווערט נתעלה צו דער דרגא פון תפלת העמידה, כאפט מען זיך אז ער מ'האט פריער געהאט א חסרון, זאגט מען דעמולט תחנון.

---

61) פרשה ט. 62) שם, ז. 63) ואתחנן ו, ה. 64) משנה ברכות רפ"ט (נד, א). ספרי ופרש"י עה"פ. 65) שיחת אור לכ"ף מר-חשון סכ"ב.



SichosKodesh.com

מ'קען אבער אזוי ניט זאגן בנוגע צו אלע אידן: נוסח תפלת תחנון זאגן אלע אידן - איז ח"ו זאגן בנוגע צו אלע אידן אז פאר תפלת העמידה האבן זיי געלעבט אין טעות און דערנאך כאפן זיי זיך אז זיי האבן פריער געהאט א חסרון!

נאר דער פירוש אין דעם וואס מ'זאגט תחנון דוקא נאך תפלת העמידה איז (ווי גערעדט דעמולט)66: ביז תפלת העמידה איז עבודתו טאקע געווען בשלימות אליבא דאמת אן קיין חסרון. בשעת ער ווערט אבער נתעלה צו א העכערער דרגא - תפלת העמידה ווען ער שטייט כעבדא קמי מרי' - איז לפי זיין איצטיקער דרגא ווערט ביי אים א נייער חסרון, א זאך וואס פריער איז זי ניט געווען קיין חסרון.

ווי גערעדט דעמולט בקשר מיט דעם ענין פון "כל ימיו בתשובה"67, און ווי דער אלטער רבי איז דאס מבאר בתניא68.

עד"ז איז אויך דער ביאור בעניננו:

די דרגא פון די ששת ימי בראשית מצ"ע איז "טוב מאד" אליבא דאמת. אבער בשעת עס ווערט אן עלי' לדרגא נעלית יותר ביום השבת - איז בערך צו דער איצטיקער העכערער דרגא מאנט זיך נאך א העכערער שלימות, און ס'איז ניט מספיק די שלימות וואס איז געווען לפנ"ז בששת ימי בראשית. ד.ה. אז לויט זיין איצטיקער דרגא איז די דרגא פון מעשה בראשית ווי ס'איז מצד ששת ימי בראשית באופן של חסרון וועלכן ער דארף מתקן זיין ("אשר ברא אלקים לעשות" - לתקן), אע"פ וואס לגבי די דרגא פון די ששת ימי בראשית לפנ"ז איז דאס געווען א מצב פון "טוב מאד" אן קיין חסרון אליבא דאמת.

יג. און צו ווען האט מען אפגעגעבן דעם ענין פון לעשות ולתקן, צו מתקן זיין די חסרונות אין מעשה בראשית וואס זיינען צוגעקומען ביחס צו דער העכערער דרגא פון יום השבת? האט מען דאס אפגעגעבן צו א אידן דוקא, אז ער זאל זיין א "שותף להקב"ה במעשה בראשית" דורך אויפטאן דעם לעשות ולתקן אין מעשה בראשית.

ד.ה. די שלימות פון "טוב מאד" וואס איז געווען בששת ימי בראשית שלפנ"ז - איז מצד דעם אויבערשטן, "וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד"; און דער לעשות ולתקן אין מעשה בראשית - ווערט דורך א אידן וועלכער ווערט א "שותף להקב"ה במעשה בראשית".

וכמובן פון די דוגמאות אין מדרש אויפן ענין פון "כל מה שנברא בששת ימי בראשית צריכין עשי' (תיקון)" - "החטין צריכין

---

66) שיחה הנ"ל סכ"ג ואילך. 67) שבת קנג, א. 68) פכ"ט (לו, ב).

להטחן כו'": חטים מצ"ע (ווי זיי זיינען מצד מעשה בראשית מצ"ע) זיינען ניט ראוי לאכילה, כמאחז"ל[69] "אדם מביא חטין, חטין כוסס (בתמי')", אבער דורך דעם וואס דער "עזר כנגדו" פון דעם אדם נעמט די חטים און מאכט פון זיי לחם (ע"י טחינת החטים מאכט זי קמח, און דערפון - לחם), טוט זיך אויף א תיקון אין מעשה בראשית (אין די חטים), ביז אז פון די חטים וואס זיינען בחי' צומח, מאכט מען לחם, און א מענטש עסט עס, ווערט עס דם ובשר כבשרו, במילא ווערט עס נתעלה פון בחי' צומח בבחי' מדבר, ובפרט בשעת א איד - אדם על שם אדמה לעליון - עסט עס, ובפרט ווען ער עסט דעם לחם ביום השבת, וואס דעמולט איז די אכילה אליין א מצוה, ניט נאר בבחי' "כל מעשיך יהיו לשם שמים"[70], נאר גלייך ווי ער עסט עס ווערט עס א מצוה.

קומט אויס אז ע"י האדם ווערט א תיקון במעשה בראשית - ער נעמט חטים וואס דער אויבערשטער האט באשאפן און איז' זיי מעלה בבחי' מדבר ביז אז ער מאכט זיי א חלק פון א מצוה פון עונג שבת.

יד. דערפון איז מובן די כחות נעלים וואס מ'האט שטייענדיק בשבת מברכים החודש כסלו - סיי בנוגע דער נתינת כח מלמעלה, וויבאלד אז שבת מברכים חודש כסלו בענטשט אויך ימי חנוכה (כנ"ל ס"י), און סיי בנוגע לעבודת האדם, כמודגש ביום השבת, ווען א איד טוט אויף א תיקון במעשה בראשית און ווערט א "שותף להקב"ה במעשה בראשית".

במילא דארף א איד אויסנוצן די כחות וואס ער האט בשבת זה און זיי אראפברענגען במעשה בפועל, בכל עניני תומ"צ, און אין הפצת היהדות בכלל און הפצת המעינות חוצה במיוחד.

ויש להוסיף בזה:

ע"ד כללות חידוש הנ"ל פון שבת, ווען ס'ווערט אן עלי' לדרגא נעלית יותר ווי די דרגא פון די ששת ימי בראשית שלפנ"ז און דערפאר דארף ער דעמולט מתקן זיין די נייע חסרונות במעשה בראשית וואס קומען צו ביחס לדרגא זו - איז אויך דער ביאור הענין פון יפוצו מעינותיך חוצה דוקא בדורות האחרונים, וואס יפוצו מעינותיך חוצה איז פארבונדן מיט (שבת מברכים) חודש כסלו במיוחד (כדלקמן):

דער ענין פון גילוי פנימיות התורה איז נתחדש געווארן ערשט בדורות האחרונים: בזמן האריז"ל איז געווארן "מצוה לגלות זאת

69) יבמות סג, א. 70) אבות פ"ב מי"ב.

SichosKodesh.com

החכמה"[71], און דערנאך בזמן אדה"ז נאך פעטערבורג האט זיך אנגעהויבן דער עיקר ענין פון יפוצו מעינותיך חוצה (כידוע השיחה בזה[72]), משא"כ בדורות שלפנ"ז איז ניט געווען "מצוה לגלות זאת החכמה", עאכו"כ ניט באופן של הפצה.

איז דאס לכאורה ניט מובן:

ווי קען מען זאגן אז בכל הדורות הראשונים, וועלכע זיינען געווען דורות נעלים יותר פון די דורות האחרונים, האט בא זיי געפעלט אן ענין הכי עיקרי - גילוי פנימיות התורה ביז באופן של הפצה, און ערשט בדורות האחרונים, ווען "אכשור דרא (בתמי')"[73], איז דאס נתגלה געווארן באופן כזה?!

עס זיינען געווען די דורות התנאים ואמוראים, כולל דור רשב"י, וואס ער איז דאך פארבונדן במיוחד מיט פנימיות התורה, ווי חסידות אליין איז מבאר - אעפ"כ שטייט אין זהר[74] אז רשב"י האט געמאכט הגבלות אויפן גילוי פון פנימיות התורה: "וכך אסדרנא לכו ר' אבא יכתוב ור' אלעזר ברי' ילעי ושאר חברייא ירחשון בלבייהו", און ער האט געזאגט אז דערפאר וועט דארפן זיין גלות וכו' (ווי גערעדט פריער[75] בביאור דברי הזהר בזה[76]);

ועד"ז בדורות שלאח"ז וועלכע האבן געהאט א ריבוי גדולי ישראל - אעפ"כ איז דעמולט אויך ניט געווען "מצוה לגלות זאת החכמה", עאכו"כ ניט הפצתה. ביז אפילו בדורו של רמ"ק, וואס ביי אים געפינט מען הסברה בהבנה והשגה בפנימיות התורה, נאכמער ווי אין כתבי האריז"ל, ווי מ'זעט עס בספר הפרדס שלו - אעפ"כ איז ער אויך געווען פארן אריז"ל, ובמילא פארן זמן פון "מצוה לגלות זאת החכמה";

ערשט בדורו של אריז"ל איז געווארן "מצוה לגלות זאת החכמה", אבער דאס איז אויך געווען מיט כמה הגבלות - ווי מ'זעט בא "גורי האריז"ל" (תלמידי האריז"ל), אז זיי האבן געלערנט פנימיות התורה מיט כמה תנאים, און נאר חוגים מסויימים וכו'[77];

אפילו באם בעש"ט (נאכן אריז"ל) איז גילוי פנימיות התורה אויך געווען באופן מסויים כו';

---

71) אגה"ק סכ"ו (קבמ, ב). 72) ס' השיחות תורת שלום ע' 112. 73) יבמות לט, ב. 74) ח"ג רפז, ב (אדר"ז). וראה הקדמות הרח"ו לשער ההקדמות (נעתקה בהוספה לקונטרס עץ החיים (הוצאת קה"ת תש"ו ושלאח"ז) ע' 76). 75) שיחת ש"פ לך לך סל"ז ואילך. 76) זח"א צו, סע"ב. 77) ראה גם שיחת י"ג ניסן תשל"ח סי"ז ואילך.

הנחת הת' בלתי מוגה

ערשט נאך פעטערבורג האט זיך אנגעהויבן דער עיקר ענין פון יפוצו מעינותיך חוצה – גילוי פנימיות התורה באופן של הפצה ביז אין חוצה, אן קיינע הגבלות[78]!

וואס דאס איז נאכמער ווי "מצוה לגלות זאת החכמה", וואס איז נאר באופן של גילוי, משא"כ נאך פעטערבורג האט זיך עס אנגעהויבן באופן של הפצה ביז אין חוצה.

ווערט די שאלה: ווי קומט עס אז בכל הדורות שלפנ"ז האט געפעלט דער ענין פון גילוי פנימיות התורה ביז באופן של הפצה – און ערשט בדורות האחרונים, וואס "אכשור דרא (בתמי')", איז צוגעקומען אז "מצוה לגלות זאת החכמה", ביז – הפצת המעינות חוצה?!

ע"פ ביאור הנ"ל בהחידוש דשבת – איז דאס מובן: בכל הדורות שלפנ"ז איז טאקע געווען א מצב פון "טוב מאד" אן קיין חסרון אליבא דאמת (בדוגמא ווי בששת ימי בראשית). בשעת עס ווערט אבער אן עלי' צו נאך אן אנדער דרגא (בדוגמא ווי די דרגא פון שבת) – איז ניט מספיק די עבודה הקודמת, און עס מאנט זיך נאך א העכערן שלימות – דערפאר איז דעמולט צוגעקומען דער ענין פון הפצת המעינות חוצה.

טו. דער גילוי פון פנימיות התורה באופן פון הפצת המעינות חוצה איז במיוחד פארבונדן מיט (שבת מברכים) חודש כסלו – מיט די ימי החנוכה שבו:

דער נס חנוכה איז געווען בשמן ("לא מצאו אלא פך אחד של שמן כו'"[79]). און דערפאר איז קבעו נס חנוכה בנרות (מיט שמן ופתילה), אז בכל שנה ושנה זאל מען אנצינדן נרות חנוכה יעדער נאכט פון חנוכה "על פתח ביתו מבחוץ"[80].

בכדי וויסן וואס איז אמיתית הענין פון דעם נס בשמן כו', דארף מען זען ווי דער ענין פון שמן איז אין תורה (וואס פון דארטן נעמט זיך און דארטן לייכט דער אמת פון יעדער ענין אין וועלט):

דער ענין פון שמן שבתורה איז – רזין דרזין דאורייתא. כמבואר בחסידות[81] אז יין שבתורה איז רזין דאורייתא – "נכנס יין יצא סוד"[82] (סודות ורזין דאורייתא), און שמן וואס איז "צף על

---

78) ראה גם סה"מ תרס"ט ס' רלט. שיחת ש"פ בהו"ב תשמ"ג ס"ח. 79) שבת כא, ב. 80) שבת שם. 81) אמ"ב שער הק"ש ספנ"ג ואילך. 82) עירובין סה, א.

הגהות הנ' בלוי חוגה

SichosKodesh.com